# פרשת נשא ג׳ – ט׳ סיון תשע״ז לפ״ק

***יום ראשון פרשת נשא***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט״א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו. אחר שנשמעו דברי ברכה על ידי המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט״א השמיע **רבינו שליט״א** דברות קודש. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל סידור מידו של **רבינו שליט״א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע עלטערן, און די זיידעס פון די טייערע קינדער וואס האבן היינט אנגעהויבן צו לערנען חומש, בן חמש למקרא (אבות ה-כא). מען שטייט אין די טעג פון שלשת ימי הגבלה, וואס אלע גרייטן זיך צו קבלת התורה, מקבל צו זיין די תורה מיט א פרישע חיות און א התחדשות, און מען זעהט ב״ה ווי אזוי די דורות ציען זיך ווייטער, מען איז מחנך קינדער און אייניקלעך וואס גייען אויפן זעלבן אויסגעטרעטענעם וועג וואס מיר זענען מחונך געווארן, דארף מען אפגעבן אן עקסטערן שבח והודאה פארן רבונו של עולם.

**די** וואך איז די פרשה פון ברכת כהנים, יברכך ה׳ וישמרך (במדבר ו-כד), און אזוי ווייטער. אין מדרש (ב״ר מג-ח) שטייט, מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים, פון וואו האבן יודען זוכה געווען צו ברכת כהנים, ממתן תורה, פון מתן תורה. ביי מתן תורה שטייט כה תאמר לבית יעקב (שמות יט-ג), און ביי ברכת כהנים שטייט כה תברכו את בני ישראל (במדבר ו-כג). יודען האבן זוכה געווען צו ברכת כהנים פון מתן תורה, פון כה תאמר לבית יעקב. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער קשר אז מען האט זוכה געווען צו ברכת כהנים פון מתן תורה.

**עס** שטייט אין ילקוט (בראשית קיא), אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט בנחלת שני עולמות, עולם הזה און עולם הבא. ויתרוצצו הבנים בקרבה (בראשית כה-כב), זיי האבן זיך געקריגט, ביז זיי האבן אפגעמאכט צווישן זיך, אז עשו וועט נעמען עולם הזה, און יעקב וועט נעמען עולם הבא. און מען זעהט, אז יעקב דארף אויך צוקומען צו עולם הזה. און אין פשטות איז גאנץ ברכת כהנים אויך עניני עולם הזה, יברכך ה׳ וישמרך, יאר ה׳ פניו אליך ויחנך, ישא ה׳ פניו אליך, האט דאך עשו א טענה, פארוואס קומט פאר יעקב עולם הזה. מען האט דאך אפגעמאכט, אז עולם הזה געהערט פאר עשו.

**דער בני יששכר** (שבת ז-טז) ברענגט צו פון **מהר״ש פרימו**, אז אזוי ווי די גמרא (שבת פח.) דרש׳נט אז יום ה׳ששי (בראשית א-לא), גייט ארויף אויף ששי בסיון. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט דער אייבערשטער אויסגענומען א תנאי אז אויב מען וועט מקבל זיין די תורה דעמאלטס וועט זיין קיום העולם, אבער טאמער מען וועט נישט מקבל זיין די תורה, וועט דער אייבערשטער צוריקשטעלן די וועלט צו תוהו ובוהו. דער באשעפער דארף נישט קיין וועלט, נאר אויב עס איז דא תורה, און אויב עס איז נישט דא קיין תורה, איז נישט דא קיין שום זין אז מען זאל אויפהאלטן די גאנצע בריאה. אומות העולם האבן נישט געוואלט מקבל זיין די תורה, נאר די יודען זענען געווען גרייט אויף קבלת התורה. ביום הששי, ששי בסיון, ווען יודען האבן מקבל געווען די תורה, מיט דעם איז נתחזק געווארן דער שמים וארץ. אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי (ירמיה לג-כה), מיט דעם האלט זיך קיום העולם.

**דער קרן לדוד** (במאמרים לשבועות) טייטשט דעם פסוק (דברים ד-יג), ויגד לכם את בריתו, דער באשעפער האט ענק געזאגט זיין ברית, אשר צוה אתכם לעשות עשרת הדברים. אז מיר זאלן מקיים זיין די עשרת הדברות. לכאורה דארף מען פארשטיין, מיר דארפן דאך מקיים זיין כל התורה כולה, און נישט נאר די עשרת הדברים. זאגט ער, אז דער פשט מיינט נישט קיום התורה, נאר ווען דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, איז עס געווען מיט עשרת הדברים, בעשרה מאמרות נברא העולם (אבות ה-א). אז עס זאל בלייבן דער קיום העולם, דאס האבן יודען געטון. מיר זענען מקיים די וועלט, מיט דעם וואס מיר האבן מקבל געווען די תורה. ויגד לכם את בריתו, דער אייבערשטער

האט אונז געגעבן די תורה, לעשות, אז מיר זאלן מיט דעם מתקן זיין, עשרת הדברים, די צען דיבורים וואס דער אייבערשטער האט געזאגט ביי בריאת העולם. די יודען זענען מחזק די עשרה מאמרות שנברא העולם, מיט דעם וואס זיי האבן מקבל געווען די תורה.

**קומט** דאך אויס, אז אויב מיר זענען נישט מקבל די תורה, איז נישט דא קיין עולם הזה, דער אייבערשטער וואלט עס מחזיר געווען לתוהו ובוהו, זענען מיר דאך א מציל מזוטו של ים, וואס די הלכה איז (בבא מציעא כד.) אז טאמער עס קומט א זוטו של ים, און עס טוט פארשווועמען יענעמס חפץ, און ער האט עס מציל געווען, האט ער א רעכט עס צו נעמען. די גאנצע וועלט וואס שטייט היינט, אלעס געהערט פאר אונז, ווייל פון עשו'ס זייט אויס, וואלט נישט געווען היינט א וועלט. און אז מיר זענען מציל די וועלט מזוטו של ים, קומט זיך פאר אונז אויך עולם הזה. עס האט טאקע געהערט פאר עשו, אבער מיר האבן עס מציל געווען אז עס זאל ווייטער שטיין.

**ווען** מען פרעגט מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים, פון וואו האבן מיר זוכה געווען צו ברכת כהנים, עולם הזה האט מען דאך אוועקגעגעבן פאר עשו. זאגט מען, אז מיר האבן עס זוכה געווען פון מתן תורה, מיט דעם וואס מיר האבן מקבל געווען די תורה, האבן מיר מחזק געווען קיום העולם, און דורך דעם האבן מיר זוכה געווען צו ברכת כהנים. פאר א יוד קומט עולם הזה מיט עולם הבא צוזאמען.

*

**ברכת** כהנים הייבט זיך אן, יברכך ה' וישמרך. יברכך ה' בבנים, וישמרך מן המזיקין (במדב"ר יא-ה). די ערשטע ברכה וואס דער אייבערשטער האט געבענטשט, איז מיט קינדער. ווייל ביי אונז איז די גרעסטע ברכה, דאס וואס א יוד האט בנים. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות (אבות ו-ט), אלע עניני עולם הזה לאזט מען איבער, מען נעמט זיך גארנישט מיט. אז דער אייבערשטער גיט א זכות, אז מען ערציהט ערליכע קינדער, ערליכע דורות, פון דעם איז מען נהנה לעולמי עד. אפילו מען איז שוין נישט דא אויף דעם עולם, פון דעסטוועגן דאך איז מען נהנה פון די מצות ומעשים טובים וואס קינדער און אייניקלעך טוען ווייטער. די ערשטע ברכה וואס מען גיט פאר א יוד איז, אז דער אייבערשטער זאל דיך בענטשען בבנים. טאמער דו האסט נישט די בנים, איז נישט דא קיין ברכה אין קיין שום זאך. אבער טאמער דו וועסט האבן געבענטשטע קינדער, דעמאלטס לוינט זיך צו לעבן, און דעמאלטס לוינט זיך אלע אנדערע ברכות וואס מען גיט שפעטער.

**מען לעבט אין א וועלט פון אסאך נסיונות. עס איז זייער שווער צו טראכטען ווי אזוי די קומענדיגע דורות וועלן קענען אויסהאלטן אין דעם גלות. די נסיונות זענען אזוי גרויס, עס קומט אריין אין א יעדע שטוב, די גאנצע גוי'שע גאס. די קליינע קינדער היינט ווייסען וואס אמאל האבן עלטערע מענטשען נישט געוואוסט אין זייער גאנץ לעבן. און אז מען היט זיך נישט געהעריג, אויב די שטובער זענען נישט גענוג ריין פון די אלע השפעות וואס קומען אריין פון די גאס, איז נישט מעגליך אין היינטיגע צייטן אז מען זאל קענען מחנך זיין ערליכע דורות.** אז מען וויל האבן ערליכע קינדער, אז עס זאל זיין יברכך ה' בבנים, אז דער אייבערשטער זאל דיך בענטשען מיט קינדער, וישמרך, דארף דיך דער אייבערשטער קודם היטן, מן המזיקין, אז דו זאלסט נישט האבן אין שטוב זאכן וואס זענען מזיק דעם יברכך בבנים. **עס איז דא זאכן וואס זענען מזיק א שטוב, נישט אלעס וואס א טאטע קען טון, מעג א קינד זעהן, און א קינד זאל נאכטון. א יעדע זאך וואס מען טוט אין שטוב דארף מען טראכטען וואס פאר א רושם וועט דאס מאכן אויף מיין קינד, א קינד וועט עס אנדערש אויפנעמען ווי איך נעם עס אויף. און דאס איז די עבודה פון עלטערן, זעהן אז די שטובער זאלן זיין הייליגע שטובער.** יברכך ה' בבנים, ווען דער אייבערשטער וועט דיך בענטשען מיט קינדער, וישמרך, דארף מען קודם האבן א ברכה אז דער אייבערשטער זאל דיך אפהיטן מן המזיקין, דו זאלסט נישט האבן ביי דיר אין שטוב זאכן וואס טוען שעדיגן די ברכה פון די קינדער.

**מען** זיצט צווישן חשובע עלטערן, וואס זייער גאנצע ציל איז מעמיד צו זיין ערליכע יודישע דורות, און זיי שטרענגען זיך אן מיט אלעס וואס מען קען, צוצוקומען צו דעם ציל, צו האבן ערליכע קינדער. איז נאר דא צו וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען אנהאלטן דעם דרך, און ווייטער מחזק זיין די שטוב, אז עס זאל נישט זיין דערין קיין שום פרעמדע השפעות, וואס קומען אריין פון די גאס. ווען מען וועט פירן ערליכע שטובער, הייליגע שטובער, וועט מען זוכה זיין אז מען וועט קענען מעמיד זיין בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. דער אייבערשטער זאל געבן אסאך יודיש נחת פאר די עלטערן און זיידעס, מתוך שמחה וטוב לבב. עס איז די שלשת ימי הגבלה, וואס מען דארף מאכן א הכנה צו קבלת התורה, זאלן מיר קענען אדורכגיין די טעג זיך צוצוגרייטן געהעריג מקבל צו זיין די תורה, און קענען מקבל זיין די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר החומש סעודה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של **הגה"צ רבי אפרים פישל הערשקאוויטש זצ"ל** אבד"ק האליין, ודומ"ץ דקהל צאנז קלויזענבורג, שהתקיים לפני בית המדרש צאנז קלויזענבורג. **רבינו שליט"א** ליוה את הארון כל אורך הדרך לכבוד התורה.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ברוך יודא גאנץ** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בציעת הפת סימן קס"ז סעיף ה') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בפרקי אבות בשבוע שעבר.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** האט די וואך געלערנט די פרק פון קנין תורה, וואס דעם פרק לערנט מען אייביג פאר מתן תורה, ווייל עס ברענגט ארויס די חשיבות פון תורה הק'. די משנה (אבות ו-ג) זאגט, אין כבוד אלא תורה, כבוד קומט זיך נאר פאר די וואס זיצען און לערנען תורה, זיי זענען ווערט דעם כבוד, שנאמר (משלי ג-לה) כבוד חכמים ינחלו, די חכמים זיי זענען נוחל כבוד. די מפרשים פרעגן, איז דען אייביג אזוי, אז נאר פאר די בני תורה גיט מען כבוד, רבי מכבד עשירים (עירובין פו.), עס שטייט נישט אז דער עושר איז געווען א תלמיד חכם, און פון דעסטוועגן דאך האט אים רבי מכבד געווען. און עס איז דא מענטשען וואס האבן כבוד אפילו זיי זענען נישט קיין תלמידי חכמים, וואס איז טייטש 'אין כבוד אלא תורה', אז נאר ביי תורה איז דא כבוד. ביי יעדע זאך איז דא כבוד, אויב ער האט א געוויסע מעלה גיט מען אים כבוד.

**א** יוד האט מיר אמאל פארציילט, אז ער איז אמאל געגאנגען מיט זיין יונגעל צו א גרויסע מסיבה, ווי עס זענען געווען דארט טויזנטער יודען. און מען האט געהאנער"ט דארט א אורח הכבוד, און מען האט שטארק גערעדט בשבחו פון דעם אורח הכבוד. און זיין זון האט געהערט ווי מען רימט דעם אורח הכבוד אויף זיינע גרויסע מעלות וואס ער האט, און ער איז געווען אזוי פארטראכט. זאגט אים דער טאטע, איך זעה אז דו ביסט אים מקנא, עס גלוסט זיך דיך, ווען וועסטו זיין אזא אורח הכבוד, און פאר דיר וועט מען אויך געבן אזויפיל כבוד, ווי מען גיט פאר יענעם.

**האב** ער געזאגט פאר זיין זון, געב א קוק, נעבן דיר, דא אונטען ווי מיר שטייען, שטייט א יונגערמאן, קוק אים גוט אן, דער יונגערמאן איז צען יאר צוריק געווען א גרויסער עושר, היינט איז ער א יורד, היינט האט ער גארנישט, אבער אמאל איז ער געווען א גרויסער עושר, און צען יאר צוריק האט מען אים געהאנער"ט דא אויף דעם זעלבן פלאץ, און ער איז געווען דער וואס איז געשטאנען דארט אויבן, און מען האט אים געגעבן אזויפיל כבוד, און היינט ווען ער האט נישט קיין געלט, שטייט ער דא אונטען אזוי ווי מיר שטייען. פארוואס? ווייל מען האט נישט געהאנער"ט 'אים', נאר מען האט געהאנער"ט 'זיין געלט', און אז ער האט נישט קיין געלט, איז נישט דא קיין

כבוד. אבער קוק אן, עס איז דא דא א גרויסער אויבן אן, וואס דארט זיצן תלמידי חכמים און רבנים. די זעלבע וואס זענען געזעסן דארט מיט צען יאר צוריק, זעה איך אז זיי זיצן נאך יעצט, און ווען דו וועסט קומען אין צען יאר ארום נאכאמאל, וועסטו זעהן אז די זעלבע זיצען ווייטער אויבן אן. - דער אורח הכבוד וועט זיך טוישן, ווילאנג ער האט געלט אזוי לאנג איז ער אורח הכבוד, אבער די תלמידי חכמים, די בלייבן אויף שטענדיג.

**זאגט** די משנה, אין כבוד אלא תורה, שנאמר כבוד חכמים ינחלו, א נחלה איז א זאך וואס האט נישט קיין הפסק, אזוי שטייט אין די גמרא (ראש השנה יב:), ווען די גמרא וויל זאגן אויף א זאך אז עס האט נישט קיין הפסק, זאגט די גמרא אז עס איז דומה צו נחלה. כבוד חכמים ינחלו, כבוד וואס מען גיט פאר א תלמיד חכם, דאס איז ינחלו, דאס האט נישט קיין הפסק. אבער וואס מען גיט פאר אנדערע זאכן, היינט איז עס אזוי און מארגן טוישט זיך דער מצב, און עס איז נישט דא דער כבוד. די חשיבות פון כבוד התורה איז, אז עס בלייבט אויף אייביג.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **כ"ק האדמו"ר מספינקא שליט"א** (ב"פ), עב"ג בן **הרה"ג רבי יצחק אייזיק בעק שליט"א** (בן הגה"צ מטשערקאס שליט"א, ונכד הגה"צ אב"ד מעלבארן שליט"א), שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי יעקב דוד כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק גאב"ד סערדאהעלי שליט"א) שהתקיים באולם בעלזא.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו, שהתקיים בביתו.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **סיני וייס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ראובן קאליש** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, ורקד עם החתן לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת נשא</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה, איז דא די מצוה פון ברכת כהנים. כה תברכו את בני ישראל אמור להם, יברכך ה' וישמרך (במדבר ו-כג), אין מדרש (ב"ר מג-ח) שטייט, מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים, פון וואו האבן יודען זוכה געווען צו ברכת כהנים, ממתן תורה, פון מתן תורה האבן זיי זוכה געווען צו ברכת כהנים. ווייל ביי ברכת כהנים שטייט כה תברכו את בני ישראל, און ביי מתן תורה שטייט (שמות יט-ג) כה תאמר לבית יעקב. דא שטייט 'כה' און דארט שטייט 'כה', צו ווייזען אז זיי האבן זוכה געווען צו ברכת כהנים פון מתן תורה. די מפרשים זאגן שוין על פי דרכם, וואס די רמז דערפון איז.

**עס** קען אפשר זיין, די ערשטע ברכה פון ברכת כהנים איז, יברכך ה' וישמרך, יברכך ה', בבנים. די ערשטע ברכה וואס מען גיט פאר א יוד איז, אז דער אייבערשטער זאל דיך העלפן, אז דו זאלסט געבענטשט ווערן מיט קינדער. א ברכה וואס די תורה גיט פאר קינדער, מיינט דאס נישט נאר א גשמיות'דיגער ברכה, נאר עס מיינט אויך רוחניות, אז דאס קינד זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם און א ערליכער יוד, וואס דאס איז די ריכטיגע ברכה וואס איז דא ביי א קינד.

**די** וועלט זאגט נאך פון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל**, אז ער האט אמאל געפרעגט א יוד וואס איז געווען ביי אים אין ירושלים, און זיינע קינדער האבן געלערנט אין זייער א שוואכע מוסד. האט ער אים געפרעגט, פארוואס ער שיקט זיינע

קינדער אין אזא שוואכע מוסד. האט ער געענטפערט, עס איז א ערליכע מוסד, מען לערנט דארט די זעלבע תורה וואס מען לערנט ערגעץ אנדערש. האט אים רבי יוסף חיים געפרעגט, פון די מוסד קען אויסוואקסען משיח? האט ער געענטפערט, משיח אפשר נישט, אבער גאנץ א וואוילער יוד קען מען אויסוואקסען פון דעם מוסד אויך. האט אים רבי יוסף חיים געזאגט, די גמרא (שבת קיט:) דרשנ'ט, אל תגעו במשיחי (דברי הימים א טז-כב), אלו תינוקות של בית רבן. תינוקות של בית רבן רופט אן די גמרא אז דאס איז משיחי. אז מען איז מחנך א קינד, דארף מען מחנך זיין דאס קינד, אז ער זאל קענען אויסוואקסען משיח. דאס איז טייטש, איינער פון כלל ישראל וועט דאך זיין משיח, דארף יעדער יוד געבן אזא חינוך פאר זיין קינד, אז זיין קינד זאל קענען אויסוואקסען דער משיח. אל תגעו במשיחי, רירט נישט צו, צו תינוקות של בית רבן, ווייל יעדער תינוק האט אין זיך א מעגליכקייט אז ער זאל זיין משיח, און ער דארף אריינלייגען זיין קינד אין אזא מוסד וואס מען קען דארט אויסוואקסען משיח.

**פון** וואו האט טאקע א יודיש קינד א כח אז ער זאל קענען אויסוואקסען אין אזא הויכע מדריגה, זיין א נביא אלקים אזוי ווי משיח. עס שטייט אין **נועם אלימלך** (**ליקוטי שושנה** ד"ה משוך), אז די גמרא (נדה ל:) זאגט, אז א קינד בעפאר ער קומט אראפ אויף די וועלט, די חדשים וואס ער איז במעי אמו, דאס זענען זיינע חשוב'סטע חדשים, זיינע שענסטע טעג אין זיין לעבן, מי יתנני כירחי קדם (איוב כט-ב). ער האט א מלאך וואס זיצט און לערנט מיט אים כל התורה כולו, עס איז נר דלוק על ראשו, ער זעהט מסוף העולם ועד סופו. און ווען ער קומט אויף די וועלט, פארגעסט ער די גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט. פרעגט דער הייליגער **רבי ר' אלימלך**, אויב אזוי, וואס איז דער תכלית פון אויסלערנען דאס קינד די גאנצע תורה, אויב נאכדעם פארגעסט ער עס. אז ער פארגעסט עס, האט מען דאך גארנישט אויפגעטון מיט דעם וואס מען האט געלערנט.

**זאגט** דער **רבי ר' אלימלך**, מיר זענען דאך מגושם, און די תורה איז א רוחני, ווי אזוי קען א יוד זוכה זיין צו תורה. נאר אזוי ווי אלץ קינד האט א מלאך שוין געלערנט מיט אים די גאנצע תורה, איז אפילו מען האט עס נאכדעם פארגעסן, פון דעסטוועגן דאך איז געבליבן א ליכטיגקייט פון תורה אין דעם קינד, אז ווען ער וועט זיך נאכדעם זעצן אליין לערנען, וועט ער קענען שטייגען. די תורה וואס דער מלאך לערנט מיט דאס קינד קודם פעלט זיך אויס, כדי ער זאל שפעטער האבן די מעגליכקייט אויסצוואקסען גרויס אין תורה.

**דאס** איז תורה. אבער ווי אזוי איז מען זוכה צו נבואה, אז א קינד זאל אויסוואקסען א משיח, א נביא ה', ווי אזוי קען א בשר ודם צוקומען צו אזא מדריגה. עס שטייט אין **חינוך** (בהקדמה) אז ווען יודען זענען געווען ביי מתן תורה, האט יעדער וואס איז געשטאנען ביי מתן תורה זוכה געווען צו א נביאות מער פון יחזקאל הנביא. די לשון פונעם חינוך איז, אנשים ונשים וטף, אפילו ווייבער מיט קינדער, ווער עס איז געשטאנען ביי מתן תורה האט זוכה געווען צו נביאות. ער האט געקענט הערן דעם קול ה', אנכי ה' אלקיך, דאס אליין איז א ענין פון א נבואה. קומט אויס, אז מיר אלע וואס זענען געשטאנען ביי מתן תורה זענען געווען נביאים. און אפילו מען האט נאכדעם פארלוירן די מדריגה, איז אבער געבליבן א כח אין יעדן קינד, אז ער קען אויסוואקסען א נביא ה', ווייל מיר האבן שוין געהאט די מדריגה, ווען מען איז געשטאנען ביי מתן תורה.

**די** ברכת כהנים איז, יברכך ה', בבנים. דער אייבערשטער זאל דיך בענטשען אז דו זאלסט האבן קינדער תלמידי חכמים, אזוי שטייט אין די פסוק (יואל ג-א) ונבאו בניכם, לעתיד לבא וועלן ענקערע קינדער זיין נביאים. וועסטו פרעגן, מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו אזא ברכה אז מען זאל אויסוואקסען א נביא. זאגט מען, ממתן תורה, ווייל ביי מתן תורה האבן מיר שוין דאס געהאט, מיר זענען שוין אמאל געווען נביאים, און אז מיר זענען שוין געווען נביאים, ליגט אין אונז א מעגליכקייט, אז יעדער איינער קען אויסוואקסען שפעטער א נביא ה'.

**ביי** אונז חזר'ט זיך יעצט אויך איבער מתן תורה, ווען עס קומט דער יום טוב, קען יעדער יוד צוריק

זוכה זיין צו די מדריגה וואו מען איז געשטאנען דעמאלטס ביי מתן תורה. זאל דער אייבערשטער געבן א הארה פון מתן תורה פאר אונז אלע, און מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מאיר שטיין** ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**א' האבלים:** דער מנהג פון באגלייטן די נשמה, ווי אזוי האט מען זיך געפירט ביי אונז אונגארישע יודען?

**רבינו:** איך מיין אז אינדערהיים האט מען נישט געוואוסט דערפון.

**א' האבלים:** פון וואו שטאמט דער מנהג.

**רבינו:** עס איז געווען א ענין צו באגלייטן די נשמה. גיין צום בית החיים צום סוף פון די שבעה האט א מקור (שו"ע יו"ד שדמ-כ, ובמגן אברהם הל' פורים סימן תרצ"ו סק"ה), אבער ארומגיין די גאס וכדומה, ווייס איך נישט צו עס איז געווען דער מנהג.

**א' האבלים:** דער ענין פון לייגן א מצבה פריער אדער שפעטער איז יא דא א מנהג. פונעם **אר"י הק'** שטייט אז אין די שבעה זאל מען נישט לייגן.

**רבינו:** אין מונקאטש האט מען געלייגט צו די שבעה, אין בעלזא האט געלייגט צום יאר, און די וועלט האט געלייגט נאך א פאר חדשים, אמאל האט גענומען צייט ביז מען האט אויסגעקריצט א שטיין.

**א' האבלים:** איז דא א טובה פאר די נשמה אז מען זאל זיך מזרז זיין צו לייגן ווי פריער?

**רבינו:** מען לייגט דאך א צעטל תיכף, די היינטיגע מצבה איז נאר א הוספה.

**א' האבלים:** דאס הייסט א מצבה?

**רבינו:** א מצבה מיינט דוקא א שטיין? עס איז נאר א ענין. א מצבה איז טייטש, אז מען זאל דערקענען אז דא איז דא א קבר. עס שטייט נישט אז מען האט עפעס אויפגעשריבן דערויף. ווען מען האט געלייגט א שטיין, האט מען געוואוסט אז דאס איז א ציון, א אנגעצייכענטע פלאץ, פאר א קבר. - מען האט נישט מדקדק געווען א טאג ארויף אדער אראפ.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף חביב מאסרי** ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי פישל הערשקאוויטש זצ"ל** אב"ד האליין ודומ"ץ צאנז קלויזענבורג.

***מתוך השיחה:***

**א' האבלים:** מען האט זיך אזוי געטראפן מיטן טאטן?

**רבינו:** ווער האט זיך נישט געטראפן מיט אים?! לעצטנס פלעגן מיר זיך טרעפן ביי ברית'ן, דא אין שטוב. אלץ יונגערמאן בין איך געווען ביים **קאפיש'ער רב**, ער איז געווען פאר מיר א פעטער, און זיי זענען זייער נאנט געווען.

**א' האבלים:** אין די ערשטערע יארן האט ער געדאווענט ביי אים פרייטאג צו נאכטס.

**חתנו הרה"ג רבי מאיר מייעס שליט"א** (דומ"ץ בעלזא): ביי די מלחמה איז געווען איבער הונדערט יודען וואס האבן געארבעט צוזאמען אין אושוויץ, און אלע זענען געווען מיואש, מען האט שווער געארבעט. און זיי האבן געזען ווי מיין שווער זיצט אינמיטן די ארבעט, און זאגט הויך גמרא רש"י און תוספות מיטן לשון, איז דער גאנצער עולם נתחזק געווען מיט דעם וואס זיי האבן געזען אז עס איז דא איינער וואס האט זיך נישט פארלוירן אינגאנצן, ער איז נישט מיואש, און ער האלט זיך.

**א' האבלים:** ער פלעגט אלץ פארציילן ווי אזוי ער האט זיך פארהערט אלץ קינד, גאנץ מסכת חולין מיט אלע תוספות, ווען ער איז געווען א קינד פון עלף יאר.

**רבינו:** רבי אברהם מענדלאוויטש ע"ה האט אויך געלערנט צוזאמען מיט אים אלץ קינד.

**א' מהנכדים:** ער איז אמאל געווען ביים זיידן, און רבי אברהם האט געזאגט פארן זיידן, איר געדענקט, איך האב בעסער געקענט פון אייך מסכת חולין. ווען ער איז ארויסגעגאנגען האב איך געפרעגט דעם זיידן, וואס איז געשען? האט ער מיר געזאגט, ער איז געגאנגען לערנען אין ישיבה, און איך בין נישט געגאנגען אין ישיבה, נאר איך האב געלערנט א גאנצן טאג אין בית המדרש...

**רבינו:** ער האט פארהערט הונדערטער בחורים און יונגעלייט, און זיי געגעבן בריוון. מיינע קינדער

האבן אויך באקומען פון אים התרת הוראה. עס איז א גרויסע זכות, צו געבן חיזוק פאר יונגעלייט. היינט האבן בני תורה גארנישט, נאר דאס קליינע צעטלע. עס איז נישט דא קיין רבנות, עס איז נישט דא קיין דיינות, און מען זיצט און מען לערנט, באקומט מען חיזוק דערפון.

*

בשעות הלילה התקיים סעודת הילולא של **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל**, בבית מדרשו. בסעודה השתתפו **בניו כ"ק הרבנים הגאוה"צ שליט"א, הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה, **הרה"ג רבי שמשון צינגער שליט"א** אב"ד תבואות שמש, **הרה"ג רבי ישכר בעריש וויינבערגער שליט"א** אב"ד טורקא, נכדי וניני בעל ההילולא, ומתפללי ביהמ"ד. **כ"ק גאב"ד סערדאהעלי שליט"א** השמיעו דברי תורה, **ורבינו שליט"א** נתכבד בברכת המזון.

*

***<u>יום שלישי פרשת נשא – ערב שבועות</u>***

**רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת שחרית, לכבוד היארצייט של אביו **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**. עם סיום התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים.

*

***<u>חג השבועות – זמן מתן תורתנו</u>***

**ימים נעלים ורווי הוד ותפארת, עברו על עדת קהלתינו ואנשי שלומינו, ביום טוב של קבלת התורה, בצל הרועה הנאמן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א. שלאור הפצרת ובקשת אנ"ש, הגיע לשהות בימי החג, בקרב עדת צאן מרעיתו בעיר בארא פארק יע"א.**

כאשר התפרסם הבשורה המרנינה, אשר הנה מלכך בא, אוירה של שמחה עילאה, הקיפה את קהל אנשי שלומינו. וציבור נרחב של אורחים, נקבצו ובאו ברגשות הומים, לשהות בצל הקודש. בעוד שהנהלת 'וועד האש"ל' שעל ידי קהלתינו הק', מנצח על המלאכה בכשרון מעש והארת פנים, בסידור האכסניות ועריכת סעודות החג, גם ברנה בשמחה ובצהלה תוך אמוני עם סגולה.

תבנית אולם המפואר 'עטרת גאלדא', נערכה בתבנית היכל גדול של תורה ותפלה, והוכנה בהוד והדר לבית אלקינו, ויוצא פרח ויצץ ציץ לכבוד זמן מתן תורתנו. על השולחנות הונחו מחזורים מיוחדים לקהל אנ"ש, וגליונות מלאי תוכן שהופיעו לקראת ימי החג, כולם הוסיפו לתחושה המרוממת, שמילאה את כל פינות ההיכל, לקראת החג המרומם הממשמש ובא.

בזמן המיועד לתפלת מנחה, כבר היתה ההיכל הגדול מלא על כל גדותיו, בציבור העצום של אנ"ש ותושבי העיר, שהגיעו להתחמם ולשתות ממקור מים חיים, כאשר בשולחן המזרח מפארים דייני קהלתינו הק' רבנים ואנשים חשובים. **רבינו שליט"א** ירד לפני התיבה לתפלת מנחה, לרגל הילולת אביו **כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל**.

עם סיום תפלת מנחה בכניסת החג, דרש **רבינו שליט"א** דברי הכנה והתעוררות בגודל מעלת היום, אשר בו בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, ונתעלנו להיות עליון על כל גויי הארץ, והתורה מפריד אותנו מלהיות שקועים בהבלי העולם, שאין בהם תכלית ותקווה.

**רבינו שליט"א** המשיך בדבריו במעלת הכתרים שזכו ישראל באמירת נעשה ונשמע, ובענין קדימת נעשה לנשמע. ובגודל מעלת לימוד התורה שמביא לידי מעשה, וגם עצם הלימוד לעצמה, שמטהר את האדם, להיות תבלין נגד היצר הרע, והמאור שבה מחזירו למוטב. ואמרו חז"ל (שבת פו:) ניתנה תורה לטבולי יום, להורות שאחר שעשה האדם פעולה לטהר עצמו, יכול לקבל התורה גם שעדיין אינו מטוהר לגמרי, והתורה מעלה את האדם מטומאה לטהרה.

בסיום דבריו דיבר **רבינו שליט"א** בחיוב קביעות עתים לתורה, ולקבוע עצמו ללמוד במסגרת קבוע של עמוד או דף ליום, ולעמוד על המבחן מידי חודש בחדשו. והזכיר גם לשבח את חבורת **'ובהם נהגה'** שע"י קהלתנו הק'. וזה לעומת זה עשה אלקים, אשר בעת שהטומאה שוררת בחוצות, ונתרבו הנסיונות בכלים הטכנולוגיים, לעומת זה נתרבו חבורות שונות ללימוד וחזרה, וכל אחד יוכל למצוא מסגרת לפי רצונו ותכונתו, טעמו וראו כי טוב ה'.

מתוך התרוממות של געגועין דקדושה וחדוה עילאה, התפללו תפלת מעריבית ברוב עם הדרת מלך. - אחר תפלת מעריבית עברו כל הקהל בסך לפני **רבינו שליט"א** לברך ולהתברך בברכת גוט יום טוב.

**צלותהון בכן מקבל והניא בעותא, אזי בשלישי בהיות בוקרו מלך במסיבו הופיע ביקרו.** תפילות היום עברו בהתלהבות עצומה, וקול של רגש הולך וגדול בתפלת אהבה רבה, ברחמים ותחנונים לפני המקום, והאר עינינו בתורתך, ודבק לבנו במצותיך וכו' וכו'. ובפרט כשניגונו של **הרה"ק הרבי ר' הירש מרימנוב זי"ע,** בוקעת ועולה ברגש קודש והזדככות הנפשות. – בתפלת ההלל נשמע קולו של **רבינו שליט"א** בנעימה קדושה והשתפכות הנפש.

לפני קריאת התורה לכבוד היום, נאמרה פיוט האקדמות על ידי **רבינו שליט"א**, בקול רגש ומעוררת הלבבות, זכאין כד שמעתון שבח דא שירתא. העליות נקנו על ידי הנדיבים בעם בסכומים אדירים, לכבוד התורה ולומדיה, ובתפלת מוסף ואמירת כתר וברכת כהנים מרוממת, נסתיימה תפלת היום.

תיכף בסיום התפלה ערך **רבינו שליט"א** הקרעפיל טיש לכבוד החג. אחר שחילק **רבינו שליט"א** לכל הנאספים ממאכלי חלב, וניגוני ששון ושמחה כמקבלי מתן נחליאל, פתח **רבינו שליט"א** בדברי דרוש ואגדה בעניני מתן תורה, וביאר בכמה אנפין מאמר רב יוסף שאמר ביומא דעצרתא אי לאו האי יומא דקגרים כמה יוסף איכא בשוקא (פסחים סח.). בסיום אמירת דברי תורה, עמד **רבינו שליט"א** בריקוד 'ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו'.

*

כמעשהו בראשון כך מעשהו בשני, בתפלת מנחה ומעריבת ברוב עם. בין מנחה למעריב, השמיע דברים **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א** אב"ד שומרי שבת, מחותנו של **רבינו שליט"א**, שדיבר בגודל ימים הנעלים של זמן קבלת התורה, ומתיקות דרכי התורה ומצותיה, וראשית חכמה יראת ה', שיראת ה' צריכה שתקדים כהכנה לקבלת התורה.

אחר תפלת מעריבת ואמירת גוט יום טוב עבר **רבינו שליט"א** לביקור חג אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א. רבינו שליט"א** שאל בשלומו, ודיברו בענין מה שאמרו חז"ל שנתרפאו בקבלת תורה מסיני, ובגדר תחיית המתים במתן תורה.

אחר כך נסובה השיחה בענין המנהג לומר דבר פלפול וסוגיא (פשעטל) בקידושא רבא בחג השבועות, ומנהג הצדיקים בזה. ואודות הנהגתו של **הגה"ק מסאטמאר זצ"ל** ללמוד כמה שיעורים בסוגיא ערוכה לכבוד החג, וסדר ואופן אמירת הפשעטל בחג השבועות. – והמשיכו לדבר על סדר עבודתו בשולחנו הטהור בליל שב"ק, ובסדר חלוקת השיריים אצל הדגים והפשטיד"א וכו'. ואופן אמירת הדברי תורה בליל שב"ק ובסעודה שלישית ועוד.

ביום טוב שני, אחר תפילות היום בנעימה וחדוה, עבר **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו הגדול **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**, ושוחחו בכמה ענינים במתן תורה, בביאור הכתוב (דברים ד-יא) וההר בוער באש עד לב השמים, שהלא השמים ירדו למטה על ההר. גם דיברו על אודות מספר בני ישראל בשעת נתינת התורה ועוד.

*

**מה יפו פעמיך בנעלים**, בעת ששורות שורות של בעלי בתים ואברכים, ולצדם בחורי חמד דקהלתנו הק', מזמרים ניגונים לכבד היום, מתוך ערגה וכיסופין. אנעים זמירות ושירים ארוג, כי אליך נפשי תערוג.

אחר זמן ממושך של שירה וזמרה בניגוני התעוררות, התחיל **רבינו שליט"א** את דברות קדשו, בחובת הנפש והלבבות בעת סיום ימי החג, אשר עליו נאמר המקרא (דברים ה-כז) שובו לכם לאהליכם, ליקח ולהמשיך קדושת המועדות בהנהגת ביתו, אשר זהו עיקר העבודה להעלות הענינים הגשמיים לשם שמים, ובכל דרכיך דעהו, ועבודה זו חשובה מאוד למעלה. ואמר הכתוב (שם) ואתה פה עמוד עמדי, שהאנשים דוגמת משה יושבי אהלה של תורה, הם ישארו עמדי ללמוד ולהגות בדברי תורה, ולקבל על עצמם עול תורה בכל פרטיה, אבל להמון עם ניתנה העבודה בענינים ארציים להעלותם לשם ה'.

**רבינו שליט"א** האריך במדריגת רות המואביה אשר עזבה את מולדתה ואת עמה להדבק בעם ה', וזהו מוסר השכל לכולנו להתחיל חיים חדשים, ולשנות את מעשינו לטובה להתעלות בדברי התורה והמצוות.

אחר שביאר **רבינו שליט"א** בכמה אנפין כוונת דברי רות לנעמי 'אל אשר תלכי אלך וגו', עמך עמי ואלקיך אלקי וגו', כי המות יפריד ביני ובינך. סיפר מעשה שקרה אצל

**החזון איש זצ"ל**, שבחור אחד שאל בעצתו אודות שידוך, שהמדוברת מוכנה להקריב קרבן להינשא לבן תורה, הגם שהחיים עמו קשים הם. והגיב **החזון איש** ואמר, שאם היא רואה בחיים עם בן תורה כ'קרבן', ואינה מבינה את האושר בזה, אין היא מתאימה להנשא לבן תורה, ואמר להבחור שלא לגשת להשידוך (מעשה איש ח"ב דף רח). וזהו שאמרה רות לנעמי, מה שדברת אלי לאמר, שארגיש טעם מיתה בעזיבת עמי ומולדתי, אדרבה זהו האושר האמיתי שאוכל לזכות בחיי לעבוד את קוני בכל המצבם. והמות, היינו מה שאמרת שזהו מסירות נפש, זהו הפירוד שביני לבינך, שאצלי אינו מסירות נפש. – וענין זה נוגע בכל תחומי החיים, בשמירת התורה והמצוות, והתרחקות מהשתמשות בכלים הטכנולוגיים למיניהם, שצריכן להרגיש האושר בשמירת דרכי התורה, ולהתבונן בגודל השכר שקיבלה רות בזה שיצא ממנה מלכות בית דוד.

**רבינו שליט"א** עורר עוד על ענין לימוד התורה במסגרת שלומדים וחוזרים ועומדים על המבחן, ולהתחיל תיכף אחר ימי החג, הגם שעומדים באמצע פרק וכדומה, ורק בקבלת עול התורה אפשר להנצל מפגעי הזמן. – גם הרבה בשבח קריאת ספרי תולדות גדולי ישראל, אשר בימות הקיץ שישנם הרבה עתים במנוחת הנפש, אזי גם כשאין ראשו צלול ללמוד גמרא ושו"ע, יכול לנצל אותם לקרות ספרי תולדות גאונים וצדיקים, המלאים מוסר ומדות טובות, ומשאיר רושם גדול בלב הקורא לטובה.

עם סיום דברות הקודש עמד **רבינו שליט"א** לרקוד בניגון ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו, וטהר לבנו לעבדך באמת, וניגון לשנה הבאה בירושלים.

במוצאי החג אחר תפלת ערבית, עברו כל הקהל לקבל ברכת הקודש, לקראת ימי הקיץ הבאים עלינו. אחר קידוש לבנה ליוו הקהל את **רבינו שליט"א** בשירה וזמרה אשרי העם שככה לו וכו', ימים על ימי מלך תוסיף וכו'. - ומתוך רגשי התעלות וחדוה של שמחה, נפרדו קשות מימים הנעלים הללו, שזכו לקבל שפע טללי אורה מאוצר מתנת חנם, אשר זכרם לא ימוש במהרה מאתנו.

**הדרא דלא אפשר למיפרט בשפותא**
**קביעין כן תהוון בהנהו חבורתא**